## פשוט'ע שפראך סך הכל פון פינאנציעלע הילף פאליסי

אונזער שפיטאל איז ווייטער פארפליכטעט צו אויסגעצייכנטקייט אין פאציענט קעיר און אין סערווירן די קאמיוניטי. אלס א שותף אין די קאמיוניטי, טוען מיר צושטעלן פינאנציעלע הילף פראגראמען וועלכע טוען אונז ערמעגליכן צו צושטעלן קעיר פאר בארעכטיגטע פאציענטן אן נעמען געלט אדער פאר נידריגערע קאסטן ווי אונזערע אוועקגעשטעלטע ראטעס.

פינאנציעלע הילף איז אוועילעבל פאר פאציענטן מיט ווייניג איינקונפט און אן העלט אינשורענס. אויב איר האט אינשורענס, קענט איר מעגליך נאך אלס זיין בארעכטיגט אויב איר האט אויסגאבן פאר וואס איר דארפט אליין באצאלן און איר האט נישט די געלט דערפאר. אלע פאציענטן וואס זענען איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט אדער די שפיטאל'ס פריימערי סערוויס ערטער קענען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף פאר מעדיצייניש-נויטיגע סערוויסעס. די פינאנציעלע הילף פאליסי איז נוגע פאר די שפיטאל און פאר די פראוויידערס אפיליאירט מיט אירע פארבינדענע ענטיטיס, בלויז Westchester Medical Center Advanced Physician Services, P.C., און Bon Secours Medical Group. אלע אנדערע דאקטוירים, פראוויידערס, אדער פראוויידער גרופעס, אריינגערעכנט די עמערדשענסי רום דאקטוירים אדער Boston Children’s Health דאקטוירים ווערן נישט געדעקט אונטער די פאליסי. איר קענט רופן אייער פראוויידער דירעקט אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס איבער זייערע פאליסיס.

בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף איז באזירט אויף איינקונפט, די גרויס פון אייער פאמיליע, און אנדערע אינפארמאציע וואס איר שטעלט צו. מען וועט נישט אפזאגן קיין אדמישען, עמערדשענסי אדער מעדיצייניש-נויטיגע סערוויסעס פאר פאציענטן צוליב אן אומבאצאלטע ביל. די שפיטאל וועט נישט אין באטראכט נעמען קיין אסעטס ביים באשטימען בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף (Financial Assistance). די שפיטאל וועט צושטעלן געשריבענע מעלדונגען פאר פאציענטן נישט שפעטער ווי 30 טעג איידער'ן איבערגעבן די חוב פאר איינמאנונג. די שפיטאל וועט נישט אין באטראכט נעמען די אימיגראציע סטאטוס ביים באשטימען בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף. פון פאציענטן וואס זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף וועט די שפיטאל נישט בעטן מער ווי די סכומים וואס מען בעט געווענליך (amounts generally billed, AGB) פון מענטשן וואס האבן אינשורענס פאר עמערדשענסי אדער אנדערע מעדיצייניש-נויטיגע קעיר. די שפיטאל רעכנט אויס די AGB נוצנדיג די פראספעקטיוו מעטאד און באזירט די ראטע אויף די יעצטיגע ניו יארק סטעיט קאסט-פאר-סערוויס Medicaid ראטעס. דיסקאונטעד אדער אומזיסטע קעיר איז אוועילעבל ביז צו 400% פון די פעדעראלע ארעמקייט פארשריפטן (Federal Poverty Guidelines) (פון אונטן):

| הויזגעזונד / פאמיליע גרויסקייט | מאקסימום פאמיליע איינקונפט (400% פעדעראלע ארמעקייט פארשריפטן*) |
|---|---|
| 1 | 63,840 דאלאר |
| 2 | 86,560 דאלאר |
| 3 | 109,280 דאלאר |
| 4 | 132,000 דאלאר |
| 5 | 154,720 דאלאר |
| 6 | 177,440 דאלאר |
| 7 | 200,160 דאלאר |

**ציפערן באזירט אויף 2026 פעדעראלע ארעמקייט פארשריפטן ווי ארויסגעשטעלט דורך די אמעריקאנער אפטיילונג פון געזונט און יומען סערוויסעס (US Department of Health and Human Services)*

פאציענטן קענען בעטן פאר פינאנציעלע הילף דורך אריינגעבן אן אפליקאציע און צושטעלן שטיצנדע דאקומענטאציע. די שפיטאל'ס פינאנציעלע הילף פאליסי און אפליקאציע איז אוועילעבל אין ענגליש און ספאניש, אומזיסט פאר'ן פובליק, און איז גרינג צו באקומען ביי די פאסיליטעט'ס הויפט רעגיסטראציע טישל און אויף אונזער וועבזייטל אויף: www.wmchealth.org/FinancialAssistanceApplication

צו בעטן פאר א קאפיע פון די פינאנציעלע הילף פאליסי אדער אפליקאציע אויף פאסט אדער אויב איר האט פראגעס אין פארבינדונג צו אונזער פינאנציעלע הילף פראגראם, קענט איר אריינרופן צו רעדן מיט א פינאנציעלע קאונסעלער דורך די קאנטאקט אינפארמאציע אויסגערעכנט פון אונטן פאר יעדער פאסיליטעט. אויב איר, אייערע פאמיליע מיטגליד, אדער פריינט רעדן נישט קיין ענגליש, וועט איינער אייך ארויסהעלפן אין די שפראך וואס איר ווילט.

**Westchester Medical Center**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 914-493-7830

פאסט אדרעס: P.O. Box 277, Hawthorne, NY 10532
פיזישע לאקאציע: 100 Woods Road, Valhalla, NY 10595

**MidHudson Regional Hospital**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 845-483-5406

פאסט אדרעס: 241 North Rd, Poughkeepsie, NY 12601
פיזישע לאקאציע: 241 North Rd, Poughkeepsie, NY 12601

**Bon Secours Community Hospital | Good Samaritan Hospital | St. Anthony's Community Hospital**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 845-547-3888

פאסט אדרעס : Bon Secours Community Hospital, PO Box 1014, Port Jervis, NY, 12771
פיזישע אדרעס: Bon Secours Community Hospital, 160 East Main St., Port Jervis, NY 12771
פאסט און לאקאציע: Good Samaritan Hospital, 255 Lafayette Ave., Suffern, NY 10901
פאסט און לאקאציע: St. Anthony's Community Hospital, 15 Maple Ave., Warwick, NY 10990

**HealthAlliance Hospital Mary's Avenue | Margaretville Hospital**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 845-334-2743

פאסט אדרעס: 105 Mary's Ave, Kingston, NY 12401
פיזישע לאקאציע: HealthAlliance Hospital Mary's Avenue, 105 Mary's Ave, Kingston, NY 12401
פיזישע לאקאציע: Margaretville Hospital, 42084 New York 28, Margaretville, NY 12455